**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/26/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול און לעיבאר פירער מעלדן וויכטיגע געווינס צו העכערן געהאלט און פארבעסערן בעניפיטן פאר ארבעטער ביים לאגווארדיע לופטפעלד**

***גאווערנאר און ניו יארק סטעיט לעגיסלאטור האבן אויסגעברייטערט די געזונטע טערמינאלן אקט אין די פינאנציעלע יאר 2026 בודשעט, צושטעלנדיג פארבעסערטע בעניפיטן פאר מער לופטפעלד איינגעשטעלטע***

***טוישונגען בויען אויף א העכערונג צו דעם לופטפעלד איינגעשטעלטע מינימום געהאלט אריבערגעפירט אין דעצעמבער***

***פינאנציעלע יאר 2026 בודשעט שטעלט צו נאך געווינסן צו צוריקלייגן געלט אין די טאשן פון ניו יארקער, אריינגערעכנט געהעכערטע ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) איז היינט ארפגעקומען צו לאגווארדיע לופטפעלד מיט פירער פון די סערוויס איינגעשטעלטע אינטערנאציאנאלע יוניען (Service Employees International Union, SEIU) לאקאל BJ32 און UNITE HERE! לאקאל 100 צו מעלדן פארבעסערונגען צו די געזונטע טערמינאלן אקט (Healthy Terminals Act), וואס שטעלט צו פארבעסערטע געזונטהייט קעיר און ארבעט'ס אפוועזנקייט בעניפיטן פאר ארבעטער ביים JFK (John F. Kennedy) אינטערנעשענעל און לאגווארדיע לופטפעלדער.

"ניו יארק'ס לופטפעלדער זענען אונזער טויער צום וועלט, און יעדער יאר, טוען איבער 90 מיליאן רייזנדע פארן דורך JFK און לאגווארדיע. גארנישט דערפון איז מעגליך אן די אויסערגעווענדליכע באמיאונגען פון שווער-ארבעטנדע לופטפעלד איינגעשטעלטע וואס העלפן רייזנדע צו קענען פארן אן קיין פראבלעמען," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "עס קומט זיך פאר די ארבעטער צו פארדינען א געהאלט וואס איז גענוג אויף צו דעקן לעבנס קאסטן מיט גוטע בעניפיטן, און קענען לעבן בדרך כבוד אין א סטעיט וואס איז עפארדעבל. דורך אויסברייטערן די געזונטע טערמינאלן אקט, מאכן מיר זיכער אז זיי באקומען גענוי דאס."

די געזונטע טערמינאלן אקט שטעלט אוועק ספעציפישע געהאלט ראטעס סטאנדארטן פאר געדעקטע לופטפעלד ארבעטער און פארלאנגט פון ארבעטסגעבער צו צושטעלן סטענדערט בעניפיטן סופלעמענטעל ראטע לויטקן שעה אין צוגאב צו די מינימום געהאלט לויט'ן שעה וואס איז שייך. די טוישונגען, [אונטערגעשריבן אין מאי](#) דורך גאווערנאר Hochul (האקול) אלס טייל פון די פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט, האט אריינגערעכנט פארט-טיים ארבעטער אלס געדעקטע ארבעטער. דאס וועט פארזיכערן אז ארבעטער בייביידע לופטפעלדער באקומען די זעלבע אנגענומענע געהאלטן און געזונטהייט בעניפיטן. די לעגיסלאציע האט אויך געשאפן אן אויסנאם פאר קליינע ארבעטסגעבער מיט

10 אדער ווייניגער איינגעשטעלטע. די פארבעסערונגען זענען טייל פון די גאווערנאר'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו מאכן ניו יארק סטעיט פארזיכערט און עפארדעבל פאר אונזער ארבעטסקראפט.

**ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג (Department of Labor) קאמישענער Roberta Reardon (ראבערטא ריערדאן) האט געזאגט,** "JFK אינטערנעשענעל און לאגווארדיע זענען שטארק פארנומענע ארייינגענג צו ניו יארק סטעיט, און זענען גאר וויכטיגע צענטערן פאר עקענאמישע אקטיוויטעט. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן זיך ווייטער אננעמען פאר אונזער ארבעטסקראפט, און פאר'ן פארזיכערן אז די לופטפעלד איינגעשטעלטע, די מוסקלען אונטער אונזער עקאנאמישע ענדשינס, באקומען יושר'דיגע באצאלונג און בעניפיטן."

דאס איז איינער פון די פולע לעצטיגע פארשריט פאר ארבעטער ביים JFK אינטערנעשענעל און לאגווארדיע לופטפעלדער. אין דעצעמבער, האט די פארט אטאריטעט (Port Authority) פון ניו יארק און ניו דשערסי באורד פון קאמישענערס [באשטעטיגט איסצובייטערן מינימום געהאלט](). די געהאלט איז ארויף מיט 75 צענט א שעה אין יאנואר, מיט נאך העכערונגען פון 75 צענט א שעה קומענדיגע חודש און אין יאנואר 2026. אנגעפאנגען פון יאנואר 1, 2027, וועלן יערליכע העכערונגען באשטימט ווערן לויט'ן קאנסומער פרייז אינדעקס (Consumer Price Index, CPI). די געהאלט העכערונג וועט ערמעגליכן לופטפעלד ארבעטער צו בעסער קענען אויסהאלטן זיך און זייערע פאמיליעס בשעת'ן אויך העלפן ציען מער געשולטע לעיבאר צו לופטפעלדער.

**BJ SEIU32 פרעזידענט Manny Pastreich (מעני פעיסטרייק) האט געזאגט,** "יישר כח גאווערנאר Hochul (האקול) פאר אייער אומבויגזאמע פארפליכטונג צו די גאר וויכטיגע ארבעטקראפט וואס האלט ניו יארק'ס לופטפעלדער צווישן די בעסטע אינעם וועלט. פון רעדער-שטוהל געהילפן וואס טוען פארזיכטיגערהייט באגלייטן באליבטע דורך א לאנגע טאג פון טרעוועל, ביז די רענצלעך מאנשאפט וואס טוען שלעפן און מסדר זיין די רענצלעך פון טויזענטע רייזנדע א יעדן טאג, טוט ניו יארק זיך פארלאזן אויף לופטפעלד ארבעטער. פאר יארן, האבן די גאר וויכטיגע ארבעטער זיך געטוהן ארגאניזירן און קעמפן פאר זייערע רעכטן. די געווינס - פארשטערקערן די געזונטע טערמינאלן אקט - איז עדות צו די יוניען מאכט וואס זיי האבן אויפגעבויעט. עס וועט טוישן טויזנטע לעבנס און העלפן פארזיכערן די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזער סטעיט'ס לופטפעלדער."

**UNITE HERE! לאקאל 100 פרעזידענט Jose Maldonado (דשאוז מאלדענאדאו) האט געזאגט,** "א דאנק די פירערשאפט פון גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול), טוען די מענטשן וואס טרייבן אונזער לופטפעלדער, רייניגן אונזער טערמינאלן, און שפייזן מיליאנען שפירן ווי מען קוקט אויף זיי און מען הערט זיי אויס. עס קומט זיך זיי *יושר'דיגע* געהאלטן, עכטע געזונטהייט בעניפיטן, און די צייט זיך אפצוגעבן מיט זיך און מיט זייערע פאמיליעס. טוישן די געזונטע טערמינאלן אקט באדייט דערהייבן די לופטפעלד ארבעטער וואס ערמעגליכן ניו יארק צו אין איין פארן אומגעשעטערט."

**לאגווארדיע לופטפעלד רייניגער Cristiana Mendez (קריסטשיענע מענדעז) האט געזאגט,** "א יעדן טאג, טוה איך און מיינע קאלעגעס ארבעטן שווער צו מאכן די רייזע אריין און ארויס פון ניו יארק די מערסטע געשמירט וואס איז שייך פאר אלע רייזנדע. אבער ביז יעצט, האבן מיר נישט געהאט קיין באצאלטע ארבעט'ס אפוועזנהייט צו נעמען אונזער אייגענע טריפס און וואקאציעס. פאר איבער צעהן יאר, האב איך ארגאניזירט און געקעמפט צוזאמען מיט מיינע קאלעגע רייניגער, סעקיוריטי אפיצירן, רענצלעך מאנשאפט, געשעפט געהילפן, און אלע אנדערע וויכטיגע ארבעטער וואס מאכן די לופטפלעד ארבעטן געהעריג. די טוישונגען צו די געזונטע טערמינאלן אקט זענען גאר א גרויסע געווינס. ענדליך, קענען מיר הנאה האבן פון די זעלבע סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו יעדן טאג. יעדער איינער דארף האבן צייט ארומצופארן, פארברענגען מיט זייערע פאמיליעס, און זיך אפרוהען. פאר מיר, וועט עס פארגרינגערן צו גיין באזוכן מיין מאמע אין פורטע ריקאו. דאס מיינט גאר אסאך פאר מיר."

**JFK לופטפעלד רייזנדע סערוויס אגענט Tameeka Simpson (טעמיקע סימפסאן) האט געזאגט,** "איך שטיץ קאסטומער ווען זיי האלטן ביים ארויספארן אויף גאר גרויסע אינטערנאציאנאלע רייזעס. איך דארף זיך האלטן רואיג מיט ישוב הדעת — גרייט זיי ארויסצוהעלפן און גרייט צו פארנעמען זייער אנגעצויגנקייט. אלס א פארט-טיים ארבעטער, האב איך זיך פארלאזט אויף Medicaid צו צושטעלן העלט קעיר דעקונג פאר מיר און מיינע פאמיליע. אלע די סטראשינקעס פון שניידן Medicaid האבן מיר געמאכט מורא האבן פאר די צוקונפט פון מיין העלט קעיר. יעצט, מיט די אויסברייטערונג פון די געזונטע טערמינאלן אקט אריינצונעמען פארט-טיים ארבעטער אזוויי מיר, דארף איך זיך מער נישט זארגן. איך ווייס אז מיין העלט קעיר איז פארזיכערט און באשיצט."

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי ספיקער Carl Heastie (קארל העיסטי) האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון די געזונטע טערמינאלן אקט וועט פארזיכערן אז נאך מער לופטפעלד איינגעשטעלטע וועלן האבן די ריסאורסעס וואס זיי דארפן צו קענען אויסהאלטן זייערע פאמיליעס בשעת'ן אונז האלטן פארזיכערט אויף אונזערע רייזעס. מיט דראענדע פעדעראלע שניטן, געהעכערטע טרעוועל אנגעלייגטקייט און וויניגער איינגעשטעלטע, טוען אונזער לופטפעלד איינגעשטעלטער דארפן די צגעלייגטע שטיצע מער ווי קיינמאל בעפאר, און די אסעמבלי מאיאריטעט איז שטאלץ צו שטיין אויף די זייט פון סיי וועלכע באמיאונג וואס טוט העלפט ארויס ניו יארק'ס שווער-ארבעטנדע פאמיליעס."

**ניו יארק סטעיט אסעמבלי לעיבאר קאמיטעט טשעיר Harry B. Bronson (הערי ב. בראנסאן) האט געזאגט,** "פארבעסערן די געזונטע טערמינאלן אקט טוט פארזיכערן אז וויכטיגע אבעטער באקומען גוטע באצאלט און פארזיכערטע ארבעט'ס אומשטענדן וואס פעלן זיך אויס צו האלטן אונזער לופטפעלדער זיך פירן געשמירט און רייזנדע צופרידן. אלס אסעמבלי לעיבאר טשעיר, בין איך פארפליכטערט צו פארטיידיגן די פרינציפן פון יוניעניזם צו מאכן ניו יארק מער עפארדעבל און פארזיכערט פאר ארבעטער און פאמיליעס. לופטפעלדער זענען וויכטיגע טרייבער פון עקאנאמישע וואוקס, און JFK און לאגווארדיע פארלאזן זיך אויף די וויכטיגע סערוויס ארבעטער צו קענען אנגיין. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר מיטארבעט, און SEIU לאקאל BJ32 און UNITE HERE לאקאל 100 פאר זייערע מידלאזע קאמפ אין שטיצע פון זייערע ארבעטער."

**סטעיט סענאטאר Jessica Ramos (דשעסיקע רעימאז) האט געזאגט,** "עפארדעביליטי אין ניו יארק פאנגט זיך אן מיט'ן אנערקענען די ווערד פון די וואס רוקן עס פאראויס. די געזונטע טערמינאלן אקט טוט צושטעלן יושר'דיגע געהאלטן, וואקאציע צייט, און פון-לאנג אפגעזאגטע באשיצונגען פאר די וויכטיגע ארבעטער וואס טוען טרייבן אונזער לופטפעלדער. מיט'ן אויסברייטערן די רעכטן צו פארט-טיים ארבעטער, טוט די אקט פארמאכן א וויכטיגע לאך אין ארבעט באשיצונגען און העכערט די סטאנדארטן פאר יעדער איינער."

די געזונטע טערמינאלן אקט טוישונגען זענען צווישן די לעצטיגע לעיבאר פארבעסערונגען צו פארשטערקערן און באשיצן אונזער ארבעטסקראפט. אין מאי, האט די גאווערנאר געמאלדן אז די סטעיט וועט אפצאלן די ארבעטסלאזיגקייט אינשורענס חובות צו פארמינערן קאסטן פאר ארבעטסגעבער און העכערן בעניפיטן פאר ארבעטער, פארשטערקערן די ענפארסירונג מאכטן פון די ניו יארק סטעיט לעיבאר אפטיילונג (NYSDOL) צו באקעמפן געהאלט רויבעריי, אנפאנגען מיט דיגיטאלע ארבעטנדע פאפירן צו העלפן יונגע ניו יארקער אריינגיין אינעם ארבעטסקראפט, העכערן שטראפן פאר טשיילד לעיבאר פארלעצונגען און פארבעסערן צוטריט צו מעדיצינישע באהאנדלונג פאר געשעדיגטע ארבעטער.

די פינאנציעלע יאר 2026 סטעיט בודשעט האט אויך ערפולט די גאווערנאר'ס צוזאג צוריקצושטעלן טויזענטע דאלארן אין די טאשן פון ארבעטס-קלאס פאמיליעס. די עפארדעביליטי פארשלאגן וואס זענען אריבער אלס טייל פון די סטעיט בודשעט רעכענען אריין א היסטארישע שטייער שניט פאר די מיטל-

קלאס — שניידנדיג שטייערן פאר מער ווי 75 פראצענט פון אלע שטייער-צאלער איבער'ן סטעיט; אינפלאציע ריפאנד טשעקס פון ביז צו 400 דאלאר פאר 585,000 הויזגעזונדן אנגעהויבן פון אקטאויבער; דריי-פאכיג העכערן די סומע פון די טשיילד טעקס קרעדיט, וואס טוט צושטעלן פאר 1.6 מיליאן ניו יארקער פאמיליעס 1,000 דאלאר פאר פאמיליעס מיט קינדער פון פיר יאר און יונגער, און 500 דאלאר פאר קינדער צווישן פיר און זעכצן; און מאכן אינוועסטירונגען אויסצוברייטערן צוטריט צו טשיילד קעיר, אריינגערעכנט 400 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג צו באשיצן טשיילד קעיר סובסידיס און באשטימען 110 מיליאן דאלאר אין קאפיטאל גרענטס צו שטיצן טשיילד קעיר פראוויידער.

פאר מער אינפארמאציע איבער די געזונטע טערמינאלן אקט, באזוכט NYSDOL'ס וועב-פעידש.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן